ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך"
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי. סעריע נ׳ 2

הירש מעלאַמעד.

# פון לעטישן עפּאָס

ווילנע
פאַרלאַג „נײַע יידישע פאָלקסשול"
1931

Printed in Poland

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1942:760

**Biblioteka „GRININKE BOJMEŁECH“**

redagowano przez S. BASTOMSKIEGO.

---

**H. Melamed.**

# Bajki łotewskie

Drukarnia „Expres“ Wilno, Wielka 33.

# די פױלע טאָכטער.

די מאַמע װעקט אינדערפֿרי איר טאָכטער:

— טעכטערל, טעכטערל, שטײ אױף! דער האָן האָט שױן געקרײט!

— זאָל ער קרײען, דער האָן — ענטפֿערט די טאָכטער — אַ האָן האָט אַ קלײן קעפּל, שלאָפֿט ער זיך שנעל אױס.

אין אַ װײַלע אַרום װעקט די מאַמע װידער די טאָכטער:

— שטײ אױף, שטײ אױף, טעכ־טערל! דער פֿרימאָרגן שײַנט שױן!

— זאָל ער שײַנען, דער פרימאָרגן,
ער האָט אַ סך צו שײַנען, מוז ער פרי
אָנפאַנגען.

אין אַ צײַט אַרום קומט ווידער די
מאַמע:

— טאָכטער, די זון איז שוין אויפ-
געגאַנגען, שטיי אויף!

— די זון מוז זיך פעדערן. זי האָט
פאַרן טאָג אַ גרויסן לאַנגן וועג צו
מאַכן, — האָט געענטפערט די טאָכטער
און איז ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן.

— אָבער, טעכטערל, די קאַשע איז
שוין פאַרטיק!

שנעל איז די טאָכטער פון בעט
אַראָפּגעשפרונגען.

— מאַמע, וווּ ליגט די גרויסע לעפל?

# אַ מַזל=בּרָכָה

ס׳האָבן געלעבט אַמאָל צוויי שכנים:
אַ נגיד און אַן אָרעמאַן.

איינמאָל, אַ שבת פאַרנאַכט, גייט אַזוי דער אָרעמאַן אַרויס אויפן פעלד און זעט, ווי דער מזל אַרבעט פלייסיק בײַם נגיד אויפן פעלד.

— ווער ביסטו און פאַרוואָס אַר=בעטסטו אום שבת?

— כ׳בין דער מזל און דאַרף אַרײַנ=טאָן אין דײַן שכנס פעלדער די מזל=ברכה.

— פאַרוואָס זאָלסטו מיר אויך ניט אַמאָל שיקן דײַן מזל=ברכה?

— פאַר דיר איז ערד־אַרבעט ניט מַזלדיק. נעם האַנדלען, וועסטו רײַך ווערן.

— גוט.

דער אָרעמאַן האָט גענומען האַנד־לען און אין אַ קורצער צײַט האָט ער אָנגעקליבן אַזוי פיל געלט, אַז מעסטן האָט מען עס געדאַרפט מיט אַ לייף. איז אָבער בײַם אָרעמאַן קײַן לייף ניט געווען, האָט ער געשיקט צום רײַכן שָכן לײַען אַ לייף.

דער נָגיד האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אויף וואָס זײַן שָכן דאַרף אַ לייף, און האָט אויסגעשמירט זײַן דעק מיט סמאָלע.

דער געוועזענער אָרעמאַן האָט אויס־געמאָסטן דאָס געלט און אָפּגעשיקט דעם לייף צוריק, דערבײַ האָט ער ניט באַמערקט אַז צום דעק האָבן זיך צו־געקלעפּט אַ פּאָר מַטבֵעות.

איצט האָט שוין דער נגיד געוווּסט אויף זיכער, צו וואָס מע האָט ביי אים געליען זיין לייף, און ער איז אַוועק צום שכן.

— זאָג מיר נאָר, מיין שכן, ווי אַזוי האָסטו פאַרדינט אַזוי פיל געלט?

— כ'האָב געהאַנדלט און פאַרדינט.

— אויב אַזוי, וועל איך אויך האַנדלען.

און דער נגיד האָט אַוועקגעוואָרפן די ערד־אַרבעט און גענומען האַנדלען. אָבער דאַווקע אין האַנדל איז אים אַלץ געגאַנגען מיט די פוטער אַראָפּ: דער מזל האָט אַפילו ניט אַריינגעשמעקט צו אים, און דער נגיד האָט פאַרלאָרן זיין גאַנצן פאַרמעגן.

# דער פוקס און די גענדז

אַ פוקס איז אַרומגעלאָפן איבער וועלדער און פעלדער און האָט באַגעגנט אַ גרויסע סטאַדע פעטע און שיינע גענדז.

— איך האָב זיי אין דער רעכטער צייט! — האָט דער פוקס אַ טראַכט געטאָן.

— נו, גענדזעלעך, האָט ער גענומען קאָמאַנדעווען, שטעלט זיך אויס אין ריי און איך וועל אייך אַלעמען איינציקווייז אויפעסן!

אין גרויס שרעק האָבן די גענדז גענומען הייבן די פיס, קלאָגן, בעטן. זיי האָבן ניט געקענט ניט אויף יידיש, ניט אויף לעטיש, מערניט אויף גענדזיש:

— גאַ, גאַ, גאַ, גאַ...

דער פוקס אָבער האָט זיך ניט גע־
לאָזט ריידן: — עס ווען ניט העלפן
קיינע טענות, איר מוזט שטאַרבן!
יעמאָלט איז אַרויסגעטראָטן א
הויכער געלערנטער גאָנער און אַזוי
געזאָגט:
— שטאַרבן,—איז שטאַרבן, פאַרפאַלן!
מיר האָבן אָבער צו דיר, פוקס, אונדזער
לעצטע בַקָשָׁה: דערלויב אונדז פאַרן
טויט אויסזינגען אונדזער געזנדזיש
ליד. נאָכדעם שטעלן מיר זיך אין ריי
און טו מיט אונדז דיין חֶסֶד...
— גוט, האָט געזאָגט דער פוקס,
אַזאַ קלייניקייט וועל איך אייך דער־
לויבן, הייבט אָן אייער ליד און איך
וועל אַ ווײַלע צוּוואַרטן.
האָט די ערשטע גאַנדז אָנגעפאַנגען
איר גאַ, גאַ, גאַ, גאַ... און צו דעם ליד
איז נאָך קיין סוף ניט געווען, ווי די

צווייטע האָט שוין אונטערגעכאַפּט: גאַ,
גאַ, גאַ, גאַ... און דערנאָך די דריטע
און די פערטע און אַלע צוזאַמען: גאַ,
גאַ, גאַ, גאַ, גאַ... גאַ, גאַ, גאַ גאַ...
ווען זיי וועלן ענדיקן, וועל איך
אײַך ווײַטער דערציילן די מעשהלע;
דערווײַל אָבער זינגען נאָך די געגנדז
מיטן גאַנצן כּוח: גאַ, גאַ, גאַ, גאַ, גאַ...

# ווי אַזוי מע האָט אויפגענומען
# אַ ניט קיין געבעטענעם גאַסט

אַמאָל זײַנען געגאַנגען אין וואַלד שפּאַצירן אַ גאַנצע חבֿרה: אַ קאָטער, אַ ציגנבאָק מיט אַ באַראַן, אַ האָן און דער גאַנער האָט אויך ניט געפעלט.

דערווײַל איז אָנגעקומען די נאַכט, די צײַט פון רו. מע דאַרף זיך לייגן שלאָפן. — און אַלע צוזאַמען האָבן זיך גענומען אויף שנעל בויען אַ שטיבל.

דער באַראַן האָט אויפן שטערן גע-בראַכט צו שלעפן באַלקנס, דער ציגנ-באָק האָט אויף די הערנער געבראַכט צווײַגן מיט וויצעס, דער קאָטער האָט מיט די נעגל באַקומען מאָך צו פאַר-

שטאָפּן די שפּאַלטן, דער האָן האָט געבראַכט בלעטער מיט גראָז אויפצו־לייגן אַ דאַך, און דער גאַנער מיט זײַן ברייטן שנאָבל האָט אויסגעפירט די אַרבעט פון אַ שינדל־דעקער.

פאַרשטייט איר דאָך, אַז מע אַרבעט אין אַזאַ אַחדות, איז איינס־צוויי און דאָס הײַזל איז פאַרטיק געוואָרן.

נאָך וועטשערע גייען אַלע שלאָפן. דער ציגנבאָק איז אַנטשלאָפן געוואָרן אויפן ברעג טיש, דער באַראַן־לעבן אויוון, דער קאָטער־אויפן אויוון, דער גאַנער־אויפן מיטן דיל און דער האָן איז אַרויפגע־קראָכן אויף דער אויבערשטער פּאָליצע. באַלד האָט זיך דערהערט אַ גע־שמאַקער כראָפּען פון אַלע חבֿרים.

*

נאָך האַלבער נאַכט לויפט די וועל־פיכע מיט אירע צוויי זין איבערן וואַלד און זיי באַמערקן דאָס נײַע הײַזל.

— וואָס איז דאָס פּאַר אַ וווּנדער?
אינדערפרי זײַנען מיר געלאָפן מיט דעמזעלביקן וועג און גאָרנישט באַמערקט. נישט אַנדערש, ווי מיט אַ כּישוף האָט דאָס פון דרערד אַרויסגעשפּראָצט.

— מאַמע, קום אַרײַן אינעווייניק! — זאָגן די וועלפּעלעך.

— לאָמיר אַ קוק געבן, וואָס דאָרטן טוט זיך!

— ניין, ניין, קינדער! מיר לויפן ווײַטער.

און די וועלפיכע איז אַוועקגעלאָפן ווײַטער. אָבער איינער פון אירע זין האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן, זיך אומגעקערט און — גלײַך אין הײַזל אַרײַן.

דער ערשטער האָט אים מקבל פּנים געווען דער ציגנבאָק.

ווי אַ באַלעבאָס פונם הײַזל איז ער געווען אַ גרויסער מכניס אורח. ער

האָט אַרומגענומען דעם וועלפּל מיט זײַנע הערנער, אָבער אַזוי שטאַרק, אַז די פענצטער האָבן זיך געטרייסלט. אויך די איבעריקע חבֵרים האָבן גע־האַלטן פון דער מִצווה הַכנָסַת אורחים, און יעדערער האָט באַוויזן זײַן פרײַנט־שאַפט, מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט: דער באַראַן האָט מיטן שטערן געריבן אים אין זײַט, דער קאָטער האָט פאַר פרייד גענומען ניסן און מיט די נעגל אים געגלעט איבערן צורה, דער גאָנער האָט אויפן וועלפּל אויסגעקלאַפּט זײַן פעלצל, און אַפילו דער האָן, וואָס בײַנאַכט זעט ער גאָרנישט, האָט אויך גענומען שרײַען: „ווו איז ער? ווו איז ער? ווײַזט מיר אים אַהער!”

ניט טויט, ניט לעבעדיק איז דער וועלפּל אַנטלאָפן צו זײַן מאַמען.

*

אינדערפרי דערזעט די וועלפּיכע,

אַז איר זונדל איז ניט מיט אַלעמען.
פרעגט זי:
— וואָס איז דאָס מיט דיר, מײַן זון? און פאַרוואָס זײַנען עפּעס דײַנע האָר אַזוי צעפּודלט?
— אַך, מאַמע! ווען דו האָסט גע־שלאָפן, בין איך געלאָפן אין שטיבל זען, ווער ס׳איז דאָרטן. איז ווי איך האָב נאָר די טיר געעפנט, האָט מיר איינער דערלאַנגט מיט אַן אײַזערנערווילע, דער צווייטער—מיט אַ באַלקן אין זײַט, דער דריטער האָט מיר אָנגעשפּיגן אַ פולע צורה און אַראָפּגעלאָזן אַ פּאָר פּעטש, און דער פערטער גזלן האָט גע־שריען: „ווו איז ער? ווו איז ער? ווײַזט מיר אים אַהער!" אַ גליק, וואָס איך בין פון אים אַנטלאָפן.
— זעסט, מײַן זון, — האָט די וועל־פיכע געענטפערט— כ׳האָב דיר גע־זאָגט, זאָלסט בעסער אַהין ניט גיין!

## ווי אַזוי די טויב האָט זיך גע־לערנט בויען אַ נעסט?

לכתּחילה האָט די טויב געלייגט אייער אויף דרערד. איינמאָל איז גע־קומען אַ פוקס און האָט צוגעגנבעט די אייער. ווי די טויב האָט דערזען די גנבֿה, האָט זי גענומען קלאָגן:

— אַ האַלבן לייף אייער האָב איך אויסגעלייגט און קיין איינע איז ניט געבליבן!

כּדי אויף ווײַטער אויסצומײַדן אַזאַ אומגליק, האָט די טויב צוזאַמענגערופן

Ex bibl. univ. Tart.

די פייגעלעך און געבעטן אויסלערנען איר בויען אַ נעסט. די פייגעלעך זײַנען געווען גרייט צו העלפן דער טויב. אָבער ווי נאָר מע האָט אָנגעפאַנגען פלעכטן צווײַגן פאַר אַ נעסט, האָט די טויב גענומען זאָגן:

— איך קען שוין, איך קען שוין!

— גוט, אויב דו קענסט, האָבן מיר דאָ ניט וואָס צו טאָן—און די פייגעלעך זײַנען זיך צעפלויגן.

דאָ האָט אָבער די טויב דערזען, אַז זי קען גאָרנישט, און ווידער גערופן די פייגלען צו הילף. זיי זײַנען זיך ווידער צוזאַמענגעפלויגן, גענומען טראָגן בלעטער, פלעכטן צווײַגן. אָבער ווען די נעסט איז שוין געווען האַלב פאַרטיק, האָט די טויב ווידער גענומען זאָגן:

— איך קען שוין, איך קען שוין!

— גוט, אַ קענער טאָר מען ניט לערנען! — און די פייגעלעך זײַנען זיך ווידער צעפלויגן.

אָבער אָך און וויי צו אַזאַ קענען! די טויב האָט אַפילו ניט געקענט זיך גוט צוקוקן צו אַן אַרבעט. זי האָט ווידער גענומען רופן די פייגלען, אָבער יענע האָבן שוין ניט געוואָלט מער וויסן פון דער טויב.

פון יעמאָלט אָן איז געבליבן דער טויבס נעסט אַ שיטערע, אַזוי שיטער, אַז קוים וואָס די אייעלעך האַלטן זיך אײַן.

## אינהאַלט:


זייט.

1. די פוילע טאָכטער — — — 3
2. אַ מזל־ברכה — — — — 5
3. דער פוקס און די גענדז — — 8
4. ווי אַזוי מע האָט אויפגענומען אַ ניט קיין געבעטענעם גאַסט — 11
5. ווי אַזוי די טויב האָט זיך געלערנט בויען אַ נעסט — — 16

אַכטונג, שולן!

נאָר וואָס דערשינען

**אַ נייע פאַרגרעסערטע און גרינטלעך**

**איבערגעאַרבעטע אויפלאַגע**

**פון דער כרעסטאָמאַטיע**

# לעבעדיקע קלאַנגען

**פאַרן III-טן לערניאָר**

**פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.**

נייער מאַטעריאַל.

גרעס'רער שריפט.

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן:

Wilno, Stefańska 24, m. 28.